בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית פרשת

## חוקת תשכ"ז (חלק ב)

**מה ראה קרח לחלוק על משה, פרשת פרה אדומה ראה**

• בפסיקתא: קרח לא ידע שחוק פרה אדומה כפרה גדולה על ישראל • החילוק בין פרה אדומה לשאר עבודות בענין העשייה על ידי אהרן • בבגדי זהב אמרינן אין קטגור נעשה סניגור רק בעבודת פנים, ובפרה אדומה אמרינן כן גם בעבודת חוץ • ישמח משה בשם הברית שלום: ביאור מה שאמר אהרן מוטב יתלה הסרחון בי ולא בישראל • עשיית העגל היה מסירות נפש מצד אהרן, עבור כבוד הקב"ה והשכינה • משל למלך: סרחה מיעוט המדינה פמליא שלו מתקיימת •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תש"פ לפ"ק



KolSatmar.com

**לשון קדשו - קונטרס קז חלק ב**

(**7** מינוט מתוך 59) **זייער קלאָר**

★ ★ ★ ★ ★

יצא לאור ע״י

## מערכת לשון קדשו

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

---

**צענטראלע נומער:**

## 929-522-1515

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **908**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419** דרוקט נומער **9→6→1**

(חוקת תשכ״ז (חלק ב) #→6272→4→16)

## • ברכת מזל טוב •

הר״ר **אברהם ברוך גרינפעלד** הי״ו

לרגל אירוסי בתו הכלה תחי׳ עב״ג החתן **משה** נ״י

בן הר״ר **יצחק אליעזר יאקאב** הי״ו

**זכות רביה״ק זי״ע יגן עליהם, שהזיווג יעלו יפה, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, ע״ד ישראל סבא, לעטרת תפארת אבותם.**

## • יודו לה׳ חסדו •

הר״ר **מאיר צבי הכהן ראטה** הי״ו

להודות לה׳ על רוב רחמיו וחסדיו

אשר שם נפשו בחיים להחלימו ולרפאותו

**זכות רביה״ק זי״ע יגן עליו שיזכה לחיים טובים וארוכים בבריאות השלימות**

## • והם יעלו לזכרון •

הרה״ח ענוותן ושפל ברך, עשה צדקה בהצנע לכת,
מדקדק במצוות, דיבר אמת בלבבו והלך תמים,
עמל ויגע בתורה לילות וימים

רבי **דוד** ז״ל **ניישטיין**

ב״ר **שמעון** ז״ל

נפטר כ״ד סיון תשמ״ג לפ״ק

הרה״ח ירא ושלם, שמר פיו ולשונו, אהוב על הבריות,
עניו ומצניע לכת, נפשו קשורה בדרך רביה״ק זי״ע

רבי **אברהם יהודא** ז״ל **ברוין**

ב״ר **משה לוי** ז״ל - נפטר ח׳ תמוז תש״ע לפ״ק

וזוגתו מרת **מאטל שבע** ב״ר **זאב** ז״ל

נפטרה כ״א כסלו תש״פ לפ״ק

האשה החשובה והצנועה בת קדושים

מרת **בילא** ע״ה **פילאפף**

בת הגה״צ ר׳ **יקותיאל יודא** זצ״ל, בעל תורת יקותיאל מדיערעש

אשת הרה״ג ר׳ **יונה** זצ״ל, ר״מ בישיבה תורה ויראה דסאטמאר

נפטרה ז׳ תמוז תש״פ לפ״ק

האשה החשובה והצנועה

מרת **מרים** ע״ה **וואלדמאן**

ב״ר **יקותיאל יודא** ז״ל

אשת הרה״ח ר׳ **אליעזר** ז״ל

נפטרה ב׳ דר״ח תמוז תשע״ז לפ״ק

הרה״ח ר׳
**משה מנחם**
ב״ר **יוסף** ז״ל
נפטר ערב פסח תש״פ

הרה״ח ר׳
**מרדכי משה ספרא**
ב״ר **יחזקאל שרגא** ז״ל
נפטר ה׳ ניסן תש״פ

הגה״צ רבי **משה** בן הרה״ג
**שלמה** ז״ל **יאזעפאוויטש**
אבד״ק צלותא דשלמה
נפטר ט״ז סיון תשע״ג

הרה״ג ר׳ **אברהם** ב״ר **משה**
**יחיאל הכהן** ז״ל **ראטה**
יו״ר וועד הכשרות של העדה החרדית
נפטר ח׳ תמוז תשנ״ה

KolSatmar.com

### יד
### קושיא יג - מתוך הדרוש
למה דוקא בפרה אדומה אמרינן דמצותה בסגן לפי שאין קטיגור נעשה סניגור,
ומאי שנא משאר העבודות שעשה אהרן בעצמו ואפילו לפני ולפנים

יג) [להלן בסוף הענין (יט, כב) כתב רש"י בשם ר' משה הדרשן, דלפי שאהרן עשה את העגל, לא נעשית עבודה זו על ידו, שאין קטיגור נעשה סניגור. וקשה למה דוקא בפרה אדומה אמרינן דמצותה בסגן לפי שאין קטיגור נעשה סניגור, ומאי שנא משאר העבודות שעשה אהרן בעצמו ואפילו לפני ולפנים ביום הכיפורים.

וביותר יוקשה זה לפי מה שמחלק המזרחי בין בגדי זהב לאהרן, דבבגדי זהב אין קפידא רק בפנים בקדשי הקדשים, כיון שאין זה אותו זהב עצמו שנעשה בו העגל, משא"כ באהרן יש קפידא בעשיית פרה אף שנעשית "בחוץ", מכיון שאהרן עצמו עשה את העגל, ואם כן קשה מאוד איך נבחר אהרן לעבוד העבודה בכל הקרבנות, ובפרט ביום הכיפורים שעובד עבודה לפני ולפנים במקום שאין נכנסים לשם בבגדי זהב]. (הקושיא בדברי רבינו באות קנו-קנח)

### טו
### קושיא יד
במדרש: מה ראה קרח לחלוק על משה,
פרשת פרה אדומה ראה. וצריך ביאור

יד) **דער מדרש זאָגט** (מובא בכמה ספרים), - **שטייט אין ישמח משה** (ריש פרשתן) **אויף דעם מדרש כמה אופנים, - מה ראה קרח לחלוק על משה, פרשת פרה אדומה ראה.**
**אַ פלא.** [דצריך ביאור מה שייכות יש למחלוקת קרח עם ענין פרשת פרה אדומה].

### טז
### קושיא טו
בפסיקתא איתא להיפוך מזה, כי לכן חלק קרח על משה,
לפי 'שלא ידע' שחוק פרה אדומה כפרה גדולה היתה על ישראל

**טו) איך האָב שוין אַסאַך מאָל געזאָגט** [להקשות עוד, כי] **אין די פסיקתא**[א] **שטייט עפּעס אַנדערש, שטייט גאָר 'פאַרקערט'** [מדברי המדרש הנזכר. און דאָס] **איז אויך אַ פלא.**

**דאָ אין מדרש** [המובא ביש"מ, אמר] **פרשת** [פרה אדומה ראה], **ער האָט געזען די פרשה פון פרה אדומה,** [און] **'איבערדעם' האָט ער געקריגט. מילא ס'איז אַ פלא** [גם דברי המדרש], **ווייסט מען נישט** [הכוונה].

[נאָר] **אין פסיקתא שטייט דאָך גאָר פאַרקערט, ער האָט חולק געווען אויף די כהונה,** [וויל] **מ'האָט אים אַרויסגעשטעלט** [מכלל הכהונה והמתנות], **לאָזט ער אויס** [=שמסיים] **והוא לא ידע שפרה אדומה כפרה גדולה לישראל,** [שזאת] **האָט ער 'נישט' געוואוסט. גאָר פאַרקערט, 'איבערדעם' האָט ער געקריגט ווייל ער האָט 'נישט געוואוסט' וואָס פרה אדומה איז.**

---

[א] **בפסיקתא זוטרתא** (לקח טוב, בפרשתן, והובא בילקוט ראובני): **ולמה נאמר אחר מחלוקת של קרח, לפי שהקהתים הטהרו לשאת את ארון ברית ה', שנאמר** (נשא ז, ט) **בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ. אמר קרח, לא דיי שהוציאני מכלל הכהונה והמתנות, אלא שגילחו את ראשו ועשאו סבל. מיד נתקנא למשה לחרחר ריב. והוא לא ידע שחוק פרה אדומה כפרה גדולה היתה על ישראל. הם חטאו בעגל, תבוא פרה אדומה, תהיה להם למי נדה חטאת היא, תבוא פָּרָה "אֲדֻמָּה" ותכפר על הזהב שהוא אדום. תְּמִימָה, תבוא תמימה ותכפר על אומה שהיא תמימה. אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם, תבוא אשר אין בה מום ותכפר על אומה אשר אין בה מום. אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עוֹל, ותכפר על שפרקו עול.**

KolSatmar.com

יז

סיום קושיא יד - טו

וגם דברי הפסיקתא צריך ביאור. דלמה אם היה יודע שפרה אדומה היא כפרה גדולה לישראל, אז היה נסתם טענתו של קרח

און ס'איז בײדע [מדרשים] אַ פלא, וואס איז א נפקא מינה [ענין פרה לענין קרח, הן אם נימא] ווייל ער האָט 'נישט געוואוסט' האָט ער געקריגט, צי ווייל ער האָט 'יאָ געוואוסט' [ענין הפרה אדומה]. אויף אַלענפאַלס איז עס דאָך אַ פלא [כל מדרש בפני עצמו, דבמה תלוי מחלוקת קרח בענין פרה אדומה].

יח

קושיא טז

וגם צריך ליישב דברי המדרש עם דברי הפסיקתא, שלא יהיו סותרין זה את זה

טז) אָבער ס'זעט עפעס אויס דאָס אַליין ווי א סתירה [בין המדרש להפסיקתא, וצריך ליישב דברי הב' מדרשים באופן שלא יהיו סותרים זה לזה].

מד

# ישוב הקושיות בפרשת פרה אדומה

קנה

הקדמה לישוב קושיא יד (באופן ג) ולישוב קושיא טו-טז (באופן ב)

(עד אות קסז)

כ'וועל זאָגן נאָך [בישוב קושיא יד-טז], איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט[ב] כעין זה [ליישב קושיא יד-טז על פי הקדמת ישוב קושיא יג], כ'וועל עס זאָגן היצטערט מיט אַ שטיקל שינוי, מיט אַ נייע בחינה [בישוב קושיא יג].

קנו

[קושיא יג]

המפרשים הקשו, למה בבגדי זהב לא אמרינן "אין קטיגור נעשה סניגור", אלא בעבודה הנעשית "בפנים" ממש (בקדשי קדשים), ואילו בפרה אדומה אמרינן דלכן לא נעשה ע"י אהרן בעצמו, לפי שאין קטיגור נעשה סניגור, ואף שפרה אדומה היא נעשית "בחוץ" לשלש מחנות

.. איך האָב שוין לאַנג [צוריק] געפרעגט די קשיא[ג]. [כי] לכאורה איז מיר דאָ קשה געוועזן אַ האַרבע קשיא, [אויף] וואָס ס'שטייט (ברש"י בשם ר' משה הדרשן) אַז אהרן הכהן האָט נישט געמאַכט די פרה אדומה, [רק אלעזר הכהן], מצותה בסגן[ד], פאַרוואָס, ווייל אֵין קטיגור נעשה סניגור, ווייל ער האָט געמאַכט דאָס עגל.

פרעגן זיי די קשיא, [והלא] ביי עבודת "חוץ" טאָר מען, [וכדמצינו כי] מיט בגדי זהב טאָר מען נישט [לעבוד עבודה] "בפנים", ווייל אֵין קטיגור נעשה סניגור, און "בחוץ" מעג מען [אָבער] יאָ[ה]. און פרה איז דאָך געוועזן [מַעֲשֶׂיהָ] "בחוץ".

---

[ב] עיין להלן בהערה ו.

[ג] עיין להלן שם.

[ד] לשון רש"י בפסוק ג, ומקורו בספרי.

[ה] כמבואר בגמרא ראש השנה (כו.): עולא אמר היינו טעמא דרבנן [שאמרו כל השופרות כשרים חוץ משל פרה], כדרב חסדא, דאמר רב חסדא מפני מה אין כהן גדול נכנס בבגדי זהב לפני ולפנים לעבוד עבודה, לפי שאין קטיגור נעשה סניגור. ולא, והא איכא וכו'. והא איכא בגדי זהב מבחוץ, מבפנים קא אמרינן. שופר נמי מבחוץ הוא, כיון דלזכרון הוא כבפנים דמי.

KolSatmar.com

**קנז**

ומתרץ המזרחי לחלק בין בגדי זהב לאהרן, כי הבגדי זהב לא נעשה מאותו זהב עצמו שנעשה בו העגל, ולכן אין קפידא בזה רק "בפנים", משא"כ באהרן שהוא בעצמו עשה העגל יש קפידא גם "בחוץ"

**ענטפערן זיי דער מזרחי** [און] אַלע, ענטפערן זיי [לפרש] **דעם פְּשַט,** [אַז] ס'איז אַ גרויסער חילוק. [ווייל ביי] **זהב** איז דאָך נישט 'דער' זהב אַליין געווען אַ חלק אין עגל, ס'איז נאָר 'מזכיר' די בחינה [של זהב העגל, כיון שהוא 'מינו', ועל כן ביי] דעס איז נאָר "מבפנים" דער חשש, נישט "בחוץ".

אָבער אהרן הכהן האָט דאָך 'אַליין' געמאַכט דאָס עגל, איז "בחוץ" אויך אַ חשש.

**קנח**

ועל זה קשה לי קושיא עצומה, דאם כן למה בשאר כל העבודות היה יכול לעבוד אהרן בעצמו, ובפרט ביום הכיפורים שהוצרך הוא לעבוד העבודה אף "בפנים" ממש (בקדשי קדשים), ולא אמרינן דאין קטיגור נעשה סניגור

האָב איך געפרעגט, לפי זה איז דאָך אַ קושיא עצומה, נו אהרן הכהן האָט דאָך געטון די עבודה [ביום הכיפורים] **לפני ולפנים,** דאָרטן וואו מ'טאָר נישט אפילו קיין **בגדי זהב** וואָס ס'איז נישט דער עצם [דערפון] געווען ביים עגל, און דעסטוועגן אהרן הכהן איז געגאַנגען [טון די עבודה בפנים, און] מ'האָט נישט מורא געהאַט ווייל אֵין קטיגור נעשה סניגור. איז דאָך עפּעס אַ פלא.

איך האָב נישט געזען מֶער זיין דערויף, [אָבער] לכאורה איז דאָס אַ הפלא ופלא.

**קנט**

[הקדמה לישוב קושיא יג]

איך האָב שוין געזאָגט אויף דעם עטליכע תירוצים, כמה פעמים[ו].

נאָר היצט מיין איך אפשר [בדרך] פשוט.

**קס**

בישמח משה בשם הברית שלום: ביאור המדרש שלכן עשה אהרן העגל, כי אמר מוטב יתלה הסרחון בי ולא בישראל. על פי הגמרא דלכן בפר כהן משיח נאמר את פני פרוכת "הקודש", ולא בפר העלם דבר של ציבור, דהוא משל למלך דאם חטאו מקצתן פמליא שלו מתקיימת, משא"כ באם חטאו כולן. ולכן כשחטא רק כהן המשיח נאמר "הקודש", כי כביכול עדיין קדושתו עליהם, משא"כ כשחטאו כל הציבור. ולכן מסר אהרן נפשו לתלות הסרחון בו ולא בישראל, כדי שלא תסתלק השכינה מישראל

**ווייל ס'שטייט טאַקע אין ישמח משה[ז], ברענגט ער דעם ברית שלום[ח]** (פרשת שמיני ד"ה עפ"ז יבואר, ועעו"ש בפרשת כי תשא בפסוק ויתן אל משה) [שכתב לבאר מה שאמרו במדרש[ט], כי לכן עשה

---

[ו] **בס"ג פרה תשכ"ה עיי"ש באורך, ובליל ש"ק חקת תשכ"ה בירושלים עיה"ק** (נדפס בחידושי תורה ודרשות עמוד יז, ובדברי יואל חקת עמוד צה, ותנינא עמוד רכא). **ועיין עוד בזה בדברי יואל תנינא** (חקת עמוד שיז), **ובדברי יואל מועדים** (פרה אות טז, מד).

[ז] **בישמח משה** (ריש פרשתן): דהנה אמרו חז"ל (במדבר רבה יט, ח), משל לשפחה שטינף בנה פלטין של מלך, אמר המלך תבא אמו ותקנח צואת בנה, כך תבא הפרה אמו של עגל ותקנח צואת בנה. והקשה **האלשיך**, דהנה אם היתה הפרה מכפרת עון העגל, היה המשל צודק, אך לא כן הוא, רק לטהר את הטמא מת. ותירץ כי הנה טומאת מת בא מחטא הקדום, חטא עץ הדעת עטיו של נחש, ולאשר הזוהמא אשר המית את האדם כרוכה בו, מתפשט לטמא הנוגע בו או המאהיל עליו, ורק הזוהמא היא המטמאה. והנה כשעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן (שבת קמו.), והיה נפסק המיתה והטומאה, והעגל החזיר הזוהמא והביא המיתה והטומאה, נמצא טינוף המדבק בנטמא למת הוא על ידי העגל, לכך תבא אמו שהיא הפרה, ותקנח שהיא מטהרת מטומאה זו ומקנחת הזוהמא הנדבקת בנטמא למת. ואמר טינף פלטין של מלך, כי כל אדם מישראל העובד ה' הוא פלטין של מלך, כי היכל

העגל, ווייל] **אהרן הכהן האָט געזאָגט מוטב יתלה הסרחון בי, ואל יתלה הסרחון בכל ישראל.**

**ברענגט ער** [בישמח משה]**, ס'שטייט אין ברית שלום** [בביאור הענין, ווייל] **ס'שטייט** [בגמרא][י] **משל** [למלך שסרחה עליו מדינה, שדורש שם בלשון הפסוק] **ס'שטייט** (ויקרא ד, ו) **אֶת פְּנֵי פָּרֹכֶת הַקֹּדֶשׁ, ביי דעם נשיא** [רצ"ל אצל פר "כהן משיח"] **שטייט דאָך "פָּרֹכֶת הַקֹּדֶשׁ", און אויף כָּל יִשְׂרָאֵל** [אצל פר העלם דבר של "ציבור"] **שטייט נאָר פְּנֵי "הַפָּרֹכֶת"** (שם, יז)**.** [משל למלך שסרחה עליו מדינה]**, אם סָרְחָה רובָּהּ איז אֵין פמליא שלו מתקיימת,** [ואם] **סָרְחָה מִיעוּטָהּ איז פמליא שלו מתקיימת.**

[ולכן] **אהרן הכהן האָט געזאָגט יתלה הסרחון "בי" ולא יתלה הסרחון "בכל ישראל", ווייל** [אם יחטאו] **"כל ישראל" איז אֵין פמליא שלו קיים,** [דאז השכינה מסתלקת מישראל]**. איך וועל 'ליבער' איך אַליין** [דאָס מאַכן, ויאמרו] **"איך" בין דערויף שולדיג.**

**האָט ער זיך "מוסר נפש" געווען פאַר'ן כבוד הקדוש ברוך הוא און די שכינה** [שלא תסתלק מישראל]**, אַז ס'זאָל נישט זיין** [נקרא החטא] **אויף כָּל ישראל.**

---

ה' הוא, כאומרו (תרומה כה, ח) ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, עד כאן דברי האלשיך הגם שאין זה לשונו, ושפתים יושק ...

והנה היה עולה על הדעת כי הטומאה אשר סיבתה העגל היה על ידי אהרן, אם כן אהרן הוא הגורם להטומאה. אבל לא כן הוא. כי איתא במדרש כי טעמו של אהרן היה באותו ענין, אמר **מוטב יתלה הסרחון בי ולא בהם**, אמר לו הקב"ה **הואיל וכך עשית, לא תזוז מן הפלטין שלי לעולם**, שנאמר (אמור כא, יב) וּמִן הַמִּקְדָּשׁ לֹא יֵצֵא, עד כאן דברי המדרש. ופירש בספר **ברית שלום** בפרשת שמיני, על פי דאיתא בגמרא (זבחים מא:) תנא דבי רבי ישמעאל, מפני מה נאמר בפר כהן משיח אל פְּנֵי פָּרֹכֶת 'הַקֹּדֶשׁ', ובפר העלם דבר של ציבור נאמר אל פְּנֵי הַפָּרֹכֶת, ולא נאמר 'הקדש', משל לבני מדינה שסרחה על המלך, אם מיעוטן סרחו פמליא שלו קיימת, ואם רובן סרחו אין פמליא שלו קיימת, עד כאן. והנה אהרן ידע כי אם לא יזדקק הוא, מכל מקום יעשו, כי הוא לא עשה כלום רק השליך זהב באש, והם בכשפים הוציאו, ואם הם יעשו לבדם הרי הסרחון בהם ויסתלק קדושתו ח"ו, אמר **מוטב יתלה הסרחון בי**, כי אם הוא עושה כן, הרי יש עליהם זכות שהם אינם חייבין כל כך, כי ראו אהרן מזדקק לדבר, מסתמא ראוי לעשות כן, ואם כן כיון שרק הוא העיקר החוטא, לא הוי רובן חטאו והקדושה לא יסתלק, אם כן **לפי זה**, אין **מסירת נפשו ורוחו ונשמתו בשביל קדושת שמו ית' גדול מזה**, והבן. וה' הבוחן סרעף וכליות אמר, **הואיל וכך עשית** שלא יסתלק קדושתי, במדה שאדם מודד מודדין לו, במדה זו אני מודד לך, **לא תסתלק אתה מקדושתי**, עד כאן דבריו בשינוי הלשון ודפח"ח.

אם כן לפי זה כי 'הטומאה' היה בלא אהרן, כי אם לא היה אהרן מזדקק לדבר, גם כן היו עושין, **'והטהרה' נצמח על ידו**, כי אם לא היה אהרן מזדקק, היה מסתלק הקדושה מעל ישראל ח"ו, ושוב לא היה השכינה שורה בתוכם, ולא היה אחד מישראל פלטין של מלך, ולא היה צודק המשל שתבא אמו לקנח, כי דוקא בפלטין צודק המשל, כי מחוייבת היא לנקות הפלטין, מה שאין כן חדר של הדיוט מה לן בזה אם נשאר מזוהם, אם כן לא היה טהרה כלל. אבל על ידי אהרן שכונתו היה לבל יסתלק הקדושה, וה' רצון יראיו יעשה ולא נסתלק, ובפרט באמת לפני המקטריגים שאין יודעים מחשבתו נתלה הסרחון באהרן ולא נסתלק הקדושה, וכיון שלא נסתלק הקדושה הרי כל אחד מישראל פלטין של מלך, והוי המשל צודק ותבא אמו ותקנח, אם כן הרי הטהרה מצויה, אם כן לפי זה **אדרבא הטהרה נצמח על ידי אהרן ולא הטומאה.** (עיין עוד שם).

[ח] הספר **ברית שלום** חובר ע"י הרה"ק ר' פינחס אב"ד וואלדווי, בן ר' פילטא שהיה דיין בק"ק פוזנא, נסתלק י' אדר שנת תכ"ג. הספר כולל דרושים נפלאים עה"ת וחמש מגילות והגדה של פסח. והרבה מדבריו הובאו בישמח משה, ועוד ספרים.

[ט] **בויקרא רבה** (י, ג): דבר אחר, **וַיַּרְא אַהֲרֹן** [וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ לְפָנָיו] (תשא לב, ה), מה ראה, אמר אהרן אם בונין הן אותו, הסרחון נתלה בהן, **מוטב שיתלה הסרחון בי ולא בישראל.** (המשך דברי המדרש, להלן בהערה יא).

[י] **בגמרא זבחים** (מא:): תנא דבי רבי ישמעאל, מפני מה נאמרה "פרוכת הקדש" בפר כהן משיח, ולא נאמר בפר העלם דבר של צבור [פירש"י: בפר כהן משיח כתיב את פני פרכת הקדש, ובפר העדה כתיב את פני הפרכת]. **משל למלך** בשר ודם שסרחה עליו מדינה, אם מיעוטה סרחה פמליא שלו מתקיימת [פמליא שלו. כניסת חבורת עצתו, ומהמסכימים לדעתו אשר דברי סתרו אליהם], אם רובה סרחה אין פמליא שלו מתקיימת [הרי הוא מסולק מחיבתם ומכניסתם במקצת, ואין לבו גס בהן כבראשונה. הכי נמי כיון דרוב ציבור סרחה, כביכול אין כאן קדושה].

KolSatmar.com

**קסא**

ובזה מבאר שם גם המשך דברי המדרש, שאמר לו הקב״ה לאהרן, הואיל וכך עשית לא תזוז מן הפלטין שלי לעולם. כי הוא מדה כנגד מדה, דיען שמסר נפשו שלא תסתלק השכינה וקדושת המקדש מישראל, לכן נבחר לכהונה גדולה לעבוד העבודה במקדש

**טאקע אזוי ווי דער מדרש זאָגט ארויס[יא], ווייל ער האָט געזאָגט מוטב יתלה הסרחון בי, האָט אים דער בורא כל עולמים געזאָגט: אי הכי, לא תזוז מן הפלטין שלי לעולם. אַזוי זאָגט דער מדרש.**

**זאָגט ער דאָ, גיט ער צו פאַרשטיין, טאַקע דער ברית שלום און דער ישמח משה דאָרטן ברענגן עס** [לדברי המדרש, וכתבו לבאר כי מכיון] **אַז ער האָט געמיינט ׳אַזאַ כוונה׳** [אז] **ס׳זאָל זיין פמליא שלו קיימת, קומט אים פאַר דעם אַז לא תזוז מן הפלטין שלי לעולם.**

[עד כאן דברי הברית שלום].

**קסב**

**זאָגט ער דאָרט** [בישמח משה]**, די כוונה** [של אהרן] **איז דאָך געווען זייער אַ הויכע כוונה געווען, לכאורה ער האָט געהאַט** [מסירות נפש גדול בזה]**, ס׳איז אַ גרויס מסירת נפש געווען פאַר כבוד שמים.**

[עד כאן דברי הישמח משה].

**קסג**

ולפי זה קשה: דאם כן לא חטא אהרן, וא״כ למה אמרו שלא נעשה הפרה על ידי אהרן, מטעם אין קטיגור נעשה סניגור

[ולכאורה יוקשה, שהרי] **לפי זה האָט ׳ער׳ דאָך נישט געזינדיגט, אדרבה** [הלא נאמר לו] **לא תזוז מן הפלטין שלי.**

**איז דאָך אַ קשיא, נו פאַרוואָס דעמאָלט, פאַרוואָס קען אהרן** [נישט מאַכן די פרה אדומה, מטעם] **אין קטיגור נעשה סניגור.**

**איז דאָך ׳דאָס׳ קשה[יב].**

**קסד**

**[ישוב קושיא יג]**

אמנם ביאור הענין, כי באמת היה אהרן נקי מן החטא, ואדרבה נחשב לו לזכות גדול ומסירת נפש, ולכן שפיר היה יכול הוא בעצמו לעבוד כל העבודות, ואף עבודת יום הכיפורים לפני ולפנים, כי אהרן לא היה קטיגור רק אדרבה היה סניגורן של ישראל

**קען זיין אַזוי** [בישוב מה שהקשינו עתה, ובישוב קושיא יג].

---

[יא] **בהמשך דברי המדרש בויקרא רבה** (שם): **רבי אבא בר יודן בשם ר׳ אבא, משל לבן מלכים שנתגאה לבו עליו, ולקח את הסייף לחתך את אביו, אמר לו פדגוגו אל תייגע את עצמך, תן לי ואני חותך. הציץ המלך עליו, אמר לו יודע אני להיכן היתה כוונתך, מוטב שיתלה הסרחון בך ולא בבני, חייך מן פלטין דידי לית אַתְּ זייע, ומותר פתורי אַתְּ אכיל, עשרים וארבע אנונס אַתְּ נסיב. כך** [אמר הקב״ה לאהרן] **מן פלטין דילי לית אַתְּ זייע, וּמִן הַמִּקְדָּשׁ לֹא יֵצֵא** (אמור כא, יב)**, ומותר פתורי אַתְּ אכיל, וְהַנּוֹתֶרֶת מִן הַמִּנְחָה** [לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו] (ויקרא ב, ג י)**, עשרים וארבעה אנונס אַתְּ נסיב, אלו כ״ד מתנות כהונה שניתנו לאהרן ולבניו. אמר לו הקב״ה לאהרן, אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע** (תהלים מה, ח)**, אהבת לְצַדֵּק את בָּנַי, ושנאת מלחייבן, עַל כֵּן מְשָׁחֲךָ אֱלֹקִים אֱלֹקֶיךָ** (שם)**, אמר לו חייך שמכל שבטו של לוי לא נבחר לכהונה גדולה אלא אתה, קַח אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו אִתּוֹ** (צו ח, ב).

[יב] **פירוש: כי מעתה אין הקושיא למה הוכשר אהרן לעבודת יום הכיפורים ושאר קרבנות** (כמו שהקשינו מתחילה בקושיא יג)**. אלא הקושיא הוא אדרבה, למה לא הוכשר לעשות גם את הפרה אדומה.**

**סְתָּם** [אַזוי] איז עס טאַקע אַמאָל[יג] אמת ויציב, דער אמת איז אַזוי, [אַז] אהרן הכהן איז געווען נָקִי מאותו החטא, אדרבה [ס׳איז געווען מצדו] **גרויס מסירות נפש**, אַ גרויסן זכות האָט ער געהאַט פון דעם, **ער האָט געהאַט מסירת נפש צו מציל זיין דעם כלל ישראל**, ער האָט מציל געווען **דעם גוף מיטן נפש** [של ישראל, והפקיר נפש עצמו] וועגן דעם **כלל ישראל**, דורכדעם קומט אים [שכרו] אַז איך האָב נישט מורא [אם אהרן יעבוד העבודה במקדש, ואדרבה נאמר לו] **לא תזוז מן הפלטין שלי**, מעג ער גיין **לפני ולפנים**, [און] ס׳איז נישטאָ קיין ׳קטרוג׳.

**קסה**

ורק דשאני בעשיית הפרה, דכיון שבאה לכפר על ישראל במעשה העגל, על כן בעת עשייתה מבקשין ללמד זכות על ישראל בכל האופנים שאפשר, ולכן משתמשין אז בסברת אהרן שאמר מוטב יתלה הסרחון ״בי״ ולא בישראל, ולכן באותה שעה תולין אותו באהרן כדי לכפר על ישראל, ונקטינן אותו סברא של אין קטיגור נעשה סניגור גם לענין אהרן, ואף כשהיא נעשית ״בחוץ״

דאָס איז רעכט [ביי] **סְתָּם** [עבודות].

אַז מ׳איז אָבער געגאַנגען ברענגען די ״**פרה אדומה**״, האָט מען דאָך געוואָלט **מכפר זיין דעם** ״**חטא העגל**״, ס׳האָט אַ גרויסן כח געהאַט [לכפר על ישראל, וכדברי הפסיקתא (שבקושיא טו), ודברי ר׳ משה הדרשן].

[וממילא] אַז מ׳גייט מכפר זיין דעם חטא העגל פונעם ׳כלל ישראל׳, מוז מען דאָך רעכענען אַלע ׳מליצות טובות׳ וואָס ס׳איז דאָ [על הכלל ישראל, ללמד זכות עליהם ולהמליץ על מה שחטאו בהעגל, וממילא] קומט דאָך אַפיר ׳די׳ מליצה אויכעט [מה שאמר אהרן מוטב **יתלה הסרחון** ״**בי**״ [ולא בהם], אַז מ׳זאָל אָנהענגען [דעם חטא] אין אהרן הכהן, אז ׳ער׳ איז שולדיג. [וממילא בשעת עשיית הפרה] ׳דעמאָלט׳ קאָן מען נישט ריין מאַכן אהרן הכהן, [ווייל אַז] איך וועל מאַכן ריין אהרן הכהן, וועט דאָך זיין גיכער דער פְּגַם [על הכלל ישראל], וועט דאָך די פרה שווערער קענען מְכַפֵּר זיין [על ישראל].

[ולכן] ״דעמאָלט״ [בשעת עשיית הפרה] קען מען דאָס נישט זאָגן, קען מען נישט אינגאַנצן ריינוואַשן אַהֲרֹן׳ן, [ווייל דעמאָלטס] קער דאָס צו די מליצה [ישרה] אַז מ׳זאָל יאָ מאַכן אַ שטיקל פגם פאַר אהרן הכהן, וואָרן דאָס איז דאָך אַמאָל [א לימוד זכות], דאָס העלפט דאָך דעם כלל ישראל, [ולכן] ׳דעמאָלטס׳ האָט דאָס געקערט [לענין הכפרה, לומר שם קטיגור על אהרן הכהן, כדי שלא לתלות הסרחון בכל ישראל].

**קסו**

**ממילא באותה שעה** ווען מ׳איז געגאַנגען ברענגען **די פרה אדומה** [כדי] ס׳זאָל מכפר זיין על ישראל, האָט מען נישט געקענט אינגאַנצן ריינוואַשן אהרן הכהן, דעמאָלטס איז געווען [על אהרן סברת] **אֵין קטיגור נעשה סניגור**, האָט ׳ער׳ נישט געקאָנט מאַכן.

אָבער אַן אַנדערס מאָל, ווען מ׳איז נישט עוסק אין דעם פרט [של כפרת העגל], איז דאָך נישט דאָ דער קטרוג אַזוי שטאַרק [אז] איך זאָל דאַרפן דאָס אויסנוצן [תליית

---

[יג] אַמאָל. פירושו: אַמאָל ׳זיכער׳, בכל אופן.

KolSatmar.com

הסרחון באהרן], ווי ווען מ'איז עוסק אין 'דער' כפרה. [ועל כן] ווען מ'איז נישט עוסק [בכפרת העגל] אַז מ'זאָל דאָס דאַרפן אויסנוצן, איז אהרן הכהן געבליבן ריין.

איבערדעם איז טאַקע רעכט [מה שבכל קרבנות נבחר אהרן לעבוד העבודה, ובפרה האדומה לא].

### קסז
### ישוב קושיא יד (אופן ג)

כשראה קרח פרשת פרה אדומה, שלא נעשית הפרה על ידי אהרן מטעם אין קטיגור נעשה סניגור, הקשה לטעון דאם כן גם בשאר העבודות אין ראוי שייעשו על ידי אהרן, ולכן מזה ראה קרח לחלוק על משה בענין הכהונה

דאָס קאָן זיין איז דער פְּשַט [בדברי המדרש] **מה ראה קרח לחלוק על משה פרשת פרה אדומה ראה,** [ווייל] אין די פרשה פון פרה אדומה האָט ער געזען [על אהרן החשש של] **אֵין קטיגור נעשה סניגור,** [אז] אהרן הכהן קען נישט טון די עבודה, [ולכן הקשה על משה] וואָס האָסטו געמאַכט אַהֲרֹן'ן פאַר אַ כהן [לעבוד העבודה, ובפרט ביום הכיפורים לפני ולפנים], איך זעה דאָך אין די **פרה אדומה** אַז ער קען ניטאַמאָל מאַכן פרה אדומה, אפילו "בחוץ" קען ער נישט.

[ואתי שפיר כי] פון דעם האָט ער דאָך געהאַט אַ גרויסע קשיא [על כהונת אהרן, דאיך נבחר הוא לעשות העבודה].

### קסח
### ישוב קושיא טו (אופן ב)

אבל הוא לא ידע שחוק פרה אדומה היתה כפרה גדולה על ישראל, לכפר על מעשה העגל, ושרק מטעם זה שאני פרה אדומה מכל שאר העבודות, לומר שלא תיעשה על ידי אהרן. אבל בשאר העבודות אדרבה זכות גדול נחשב לאהרן, ודייקא הוא נבחר לכהונה מאותו טעם עצמו שמסר נפשו לעשות העגל, כדי שלא לתלות החסרון בישראל, ולא תסתלק השכינה מהם

זאָגט אָבער דער מדרש, זאָגט אָבער די **פסיקתא, ער האָט נישט געוואוסט אַז** דאָס איז **כפרה גדולה על ישראל,** אַז ער [אהרן] איז געווען בכלל [נקי מן החטא], נאָר איך מוז דאָס נוצן אהרן הכהן'ס חטא פאַר אַ חטא, [כדי] ס'זאָל אינגאַנצן אָפּווישן [דעם חטא] פונעם כלל ישראל, אויף דעם אַרויף זאָג איך [שמצותה בסגן], 'פאַר דעם' אָט קען ער נישט טון [מעשה פרה אף שהיא] "מבחוץ".

אָבער לוּלֵי זאֹת, ווען ס'האַלט נישט ביי די פרה אדומה, אָבער אַן אַנדערס מאָל, איז טאַקע, קען ער טאַקע זיין **כהן.**

[וממילא] איז 'אויס' מיט זיין גאַנצע טענה [של קרח], מיט די גאַנצע פלוגתא [שחלק על משה ואהרן].

### קסט
### ישוב קושיא טז (אופן ב)

ונמצא שאין שום סתירה בין המדרש להפסיקתא, ואדרבה דברי שניהם מכוונים על קוטב אחד

איבערדעם זענען די ביידע מדרשים אמת ויציב, אויף איין [קוטב], גייט עס [ביידע] אויף איין מְכֻוָּן. [כי המדרש מביא סברת קרח עצמו, ובמה נתלה טעותו. ובפסיקתא מבאר למה באמת סברת קרח הוא סברא מוטעת].

### קעט
## סיום התורה - וברכת הקודש

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

- ווען ס׳וועט זיין ביאת המשיח, וועט דאָך דאָס אַלעס זיין[יד]. -

דער בורא כל עולמים זאָל אַרויסנעמען [מתוך החושך], ער זאָל דערלייכטן אידישע אויגן, מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל זיך קאָנען מִתְגַבֵּר זיין [נגד צד ההפכי].

### קפ

מ׳זאָל זיך קאָנען מִתְגַבֵּר זיין.

[כי בעוה״ר] אַזוי גייט דאָך עס היצטערט, אַז מ׳פאַלט אַריין, און ס׳זעט עפּעס אויס אַלדינגס [כאילו אי אפשר להתגבר נגד נסיונות הזמן].

[אבל הסיבה הוא כמו שנתבאר לעיל (אות צג-צה) כי] ווער ס׳דערווישט אַריין [פון] די כוחות בעוונינו הרבים פון די סטרא אחרא, ווער ס׳דערווישט אַריין [אי אפשר שלא יעשו בו איזה רושם], ס׳איז אים מסמא עינים [מלראות את האמת].

מ׳דאַרף אַצינד האָבן דעם ״נס״ פונעם [מַטֵה אַהֲרֹן, שלא הועבה כלום, ולא נכנס בו כלום מכח הטומאה כשבלע את מטות החרטומים, אלא אדרבה איבד ושרף את כוחות הטומאה (וכדלעיל אות צא)], מ׳זאָל נישט האָבן ״געשלינגען״ פון זיי, לא מיניה ולא מקצתו.

### קפא

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ׳זאָל זוכה זיין [אַז] ״מִסִטְרָא דִקְדוּשָׁה״ זאָל זיין אַ יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה במהרה.

מ׳זאָל זוכה זיין במהרה צו זען די אֱמֶת׳דיגע ישועה בקרב.

הקדוש ברוך הוא זאָל מֵאִיר עֵינֵי יִשְׂרָאֵל זיין, אַז מ׳זאָל דָבוּק זיין אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, בִּקְדוּשָׁה וְטַהֲרָה.

מ׳זאָל די זכיה האָבן מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען במהרה הִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, און הִתְגַלוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, במהרה בימינו אמן.

---

[יד] שיתגלה לנו אפר פרה של משה (כדלעיל אות קעז), וגם יעשו פרה עשירית (כדלעיל אות סה). ויתגלה הבחינה של יתרון האור מתוך החשך להתפעל מן ההפכי (כדלעיל אות קמד-קנג).

KolSatmar.com

בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קודש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית פרשת

## בלק תשט"ז

בעיה"ק ירושלים תובב"א

וַיַּרְא פִּינְחָס וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ

• מצות קר"ש וקבלת עול מלכות שמים, הוא כח נצחון המלחמה נגד השונאים וכחות היצר • ביאור התרגום יונתן: וְהֵמָּה בֹכִים וקורים שמע • ביאור המדרש: וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ, זו קריאת שמע שיש בה רמ"ח תיבין • בגמרא ברכות: בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, ומפני טורח הציבור לא קבעוה • דיבורי בלעם הם בנבואה מאת הקב"ה, ומ"מ מחמת "מחשבתו" של אותו רשע, הכנים בזה קצת ארס ופגם • בדור המדבר באותה תקופה, קראו פרשת בלק בקריאת שמע, עד שבא פינחס ותיקן שלא לקובעו בקריאת שמע •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תש"פ לפ"ק

KolSatmar.com

**לשון קדשו - קונטרס קנד**

(**12** מינוט)

עד אות כא **אַביסל קלאָר** ☆☆☆★★

מן אות כב **נישט קלאָר** ☆☆☆☆★

**יצא לאור ע״י**

**מערכת לשון קדשו**

**מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040**

---

**צענטראלע נומער:**

**929-522-1515**

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **154**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419**

(בלק תשט״ו #→715→4→16)

הרה״ח ר׳
**משה מנחם**
ב״ר **יוסף** ז״ל
נפטר ערב פסח תש״פ

הרה״ח ר׳
**מרדכי משה ספרא**
ב״ר **יחזקאל שרגא** ז״ל
נפטר ה׳ ניסן תש״פ

KolSatmar.com

א

# קושיות ודיוקים בסוף הפרשה

[בסוף הפרשה: וְהִנֵּה אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל בָּא וַיַּקְרֵב אֶל אֶחָיו אֶת הַמִּדְיָנִית לְעֵינֵי מֹשֶׁה וּלְעֵינֵי כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וְהֵמָּה בֹכִים פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד. וַיַּרְא פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ. וַיָּבֹא אַחַר אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֻּבָּה וַיִּדְקֹר אֶת שְׁנֵיהֶם, אֵת אִישׁ יִשְׂרָאֵל וְאֶת הָאִשָּׁה אֶל קֳבָתָהּ, וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל].

ב

### קושיא א

בתרגום יונתן: והמה בוכים וקורים קריאת שמע. וצ"ב להבין שייכות ענין קריאת שמע לכאן

וְהֵמָּה בֹכִים פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד. זאָגט דער **תרגום יונתן**, וְאִינוּן בַּכְיָין וְקַרְיָין שְׁמַע [וְקַיְימִין בִּתְרַע מַשְׁכְּנָא].

א) לכאורה וואו קומט "קריאת שמע" [צו דעם].

איך האָב שוין נעכטן נאַכט געשמועסט[א] פון דעם קישור של דברים, וואָס מ'שטעלט עס 'דאָ' אַריין.

ג

### קושיא ב

במדרש: וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ, זו קריאת שמע שיש בה רמ"ח תיבין. וצ"ב הכוונה

ב) דער **מדרש** זאָגט[ב] [על הפסוק] וַיַּרְא פִּינְחָס וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ. וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ, לָקַח "קריאת שמע" שיש בה רמ"ח תיבין. "רֹמַח" איז אותיות רמ"ח. חכמינו ז"ל האָבן געטייטש [דרומז על קריאת שמע].

ד

# הקדמה לישוב הקושיות

בגמרא ברכות: בקשו לקבוע פרשת בלק בקר"ש, משום שנאמר בה ענין שכיבה וקימה. ומפני טורח הציבור לא קבעוה

דער ענין קען זיין.

[דהנה] די **גמרא** זאָגט[ג], ביקשו לקבוע "פרשת בלק" בקריאת שמע. זאָגט **רש"י**, ווייל אין פרשת בלק (כד, ט) שטייט כָּרַע 'שָׁכַב' כַּאֲרִי [וּכְלָבִיא מִי 'יְקִימֶנּוּ', שהקב"ה שומרנו בְּשָׁכְבֵנוּ וּבְקוּמֵנוּ][ד], ס'איז דאָס ענין פון בְּשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ.

---

[א] דברי רבינו בליל ש"ק בלק תשט"ו, לכאורה לא נרשמו ולא נדפס. (ומה שנדפס בדברי יואל תניינא עמוד תקמד, הוא מדברי רבינו בשבת שאחריו, בס"ג פנחס תשט"ו).

[ב] כן מובא בכמה ספרים הק', ומהם **במגלה עמוקות** (בלק ד"ה ארז"ל, פינחס ד"ה והיתה לו), **ובליקוטי תורה להתניא** (תצא דף לח.). וע"ע **בקדושת לוי** (אבות פ"ב מ"ה) בשם כתבי האר"י, **ובאגרא דפרקא** (רמז רנז), **ובפרדס דוד** בשם "מדרש", **ובנחל קדומים ופני דוד להחיד"א**.

ומקורו מדברי הזוהר הקדוש (עקב דף רעב.): רומחא, רמ"ח [תיבין] בקריאת שמע, עם שית תיבין דיחודא, הא "רומח". ובתיקוני זוהר (בהקדמה דף יא.): קריאת שמע איהי רומ"ח, כלילא משית תיבין דיחודא, ומרמ"ח תיבין עם ה' אלקיכם אמת. [ועיין עוד שם בדף מט.].

[ג] **בגמרא ברכות** (יב:): אמר רבי אבהו בן זוטרתי אמר רבי יהודה בר זבידא, בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, ומפני מה לא קבעוה, משום טורח צבור. מאי טעמא, אילימא משום דכתיב בה קֵל מוֹצִיאָם מִמִּצְרָיִם, לימא פרשת רבית [פירש"י: אַל תִּקַּח מֵאִתּוֹ נֶשֶׁךְ וְתַרְבִּית וגו' (בהר כה, לו), וסמיך ליה יציאת מצרים] ופרשת משקלות [אַבְנֵי צֶדֶק וגו' (קדושים יט, לו), סיפיה דקרא אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם וגו'] דכתיב בהן יציאת מצרים. אלא אמר רבי יוסי בר אבין, משום דכתיב בה האי קרא, כָּרַע שָׁכַב כַּאֲרִי וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ, [פירש"י: דדמי לְבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ, שהקב"ה

KolSatmar.com

נאָר וועגן דעם טורח הציבור, וועגן טירחא דציבורא האָט מען עס נישט אַריינגעשטעלט [לפרשת בלק בקריאת שמע].

ה

ופריך בגמרא, ונימא רק חד פסוקא דכרע ושכב וגו', ומשני כל פרשה דלא פסקיה משה לא פסקינן

פרעגט די גמרא, זאָל מען זאָגן 'דעם פסוק' אַליין, כָּרַע שָׁכַב וגו', דעם פסוק אַליין פאַרוואָס זאָל מען נישט זאָגן.

זאָגט די גמרא, כָּל פְּסוּקָא[ה] דְּלֹא פָּסַק מֹשֶׁה לָא פַּסְקִינָן. [ואם כן היו צריכין לקבוע לומר כל הפרשה של נבואת בלעם], איבערדעם איז דאָס טירחא דציבורא [לומר פרשה ארוכה כזה, ולכן לא קבעוה]. - [עד כאן דברי הגמרא ורש"י].

ו

ועכ"פ ממה שרצו חכז"ל לקבוע זאת בקריאת שמע, רואין שבפסוקים אלו
יש בהם ענין קריאת שמע. ורק מפני טורח הציבור לא תקנו לקרות פרשה זו

[ונמצא כין] לעולם חכמינו ז"ל, דער אמת האָבן די חכמינו ז"ל געוואָלט אַריינשטעלן פרשת בלק אין די קריאת שמע, זעט דאָך אויס אַז ס'איז איינס [מיט קריאת שמע, אַז] אין דעם כָּרַע שָׁכַב כַּאֲרִי דאָרט איז דער סוד פון קריאת שמע [ובאמירת פסוקים אלו היו יכולין לקיים ידי חובת מצות קריאת שמע][ו].

---

שומרנו בְּשָׁכְבֵנוּ וּבְקוּמֵנוּ, לשכב שלוים ושקטים כארי וכלביא]. ולימא האי פסוקא ותו לא [וליכא טורח ציבור], גמירי, כל פרשה דפסקה משה רבינו פסקינן, דלא פסקה משה רבינו לא פסקינן.

[ד] וכן יש בפרשת בלק (כג, כד) הפסוק: הֶן עָם כְּלָבִיא 'יָקוּם' וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא, לֹא 'יִשְׁכַּב' עַד יֹאכַל טֶרֶף וגו'. ופירש"י: הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם. כשהן עומדין משינתם שחרית, הן מתגברים כלביא וכארי לחטוף את המצות, ללבוש טלית, לקרוא את שמע, ולהניח תפילין: לֹא יִשְׁכַּב. בלילה על מטתו עד שהוא אוכל ומחבל כל מזיק הבא לטרפו, כיצד קורא את שמע על מטתו, ומפקיד רוחו ביד המקום, בא מחנה וגייס להזיקם, הקב"ה שומרם ונלחם מלחמותם ומפילם חללים:

ועיין במהרש"א בחידושי הלכות (ברכות שם) שהעיר על זה, ורוצה להגיה בגמרא לגרוס בה זה הפסוק, וז"ל: דכתיב ביה האי קרא כָּרַע שָׁכַב כַּאֲרִי וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ. הוא מגומגם, דמוּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ לא משמע קימה של שחרית. ויותר ניחא להגיה [בגמרא שמביא] קרא קמא הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא לֹא יִשְׁכַּב עַד יֹאכַל טֶרֶף, דמהאי קרא דרש שפיר קריאת שמע של שחרית ושל ערבית. וכן הוא בהדיא בתנחומא (בלק, יד) ובמרדכי, וילקוט (רמז תשסט) עיין שם, וק"ל:

